בסיעתא דשמיא
גליון פרדס התורה
פרשת בראשית תשפ"ז
אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



פתיחת הזמן • השתוקקות • א טיפערן בליק • הילולא דצדיקיא

## י"ל ע"י מערכת
## 'פרדס התורה' לכתיבת
## ועריכת שיעורי מורינו
## הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי
ישראל בארץ הקודש, דייני העדה
החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא
בספר 'טבריא של מעלה'
שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

### די גליונות קען מען באקומען
### ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**

ביהמ"ד שומרי שבת
5302 13 Ave.
ביהמ"ד עדת יראים וויען
1350 50 St.
ביהמ"ד הדרת קודש
סוואליווע
4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

בנין בראך למטה
לאקער #405
Bedford Cor. Park
כתר רזשודעיקא
801 Bedford Ave.
מאורות
218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד זוועהיל
101 W Maple Ave.
שיינער'ס שול
18 Forshay Rd.

**קרית יואל**

כתר רזשודעיקא
97 Acres Rd.

**לעיקוואד**

כתר רזשודעיקא
12 America Ave.
ביהמ"ד סאטמאר
405 Forest Ave.
ביהמ"ד צאנז
קלויזענבורג
25 Havens Ave.
ביהמ"ד בעלזא
44 Grove Springs Ct.

**טאמס ריווער**

ביהמ"ד קהל בני יששכר
1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**

MB VINEYARD
3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו
הרב שליט"א והגליונות באימייל,
ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד
באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com

## פרנס הגליון

נתנדב לז"נ
**הרה"ק רבינו יואל**
**בן הרה"ק רבינו חנני' יו"ט**
**ליפא זצוקללה"ה מסאטמאר**
**ע"י הרוצה בעילום שמו הי"ו**
ולזכות ברכה והצלחה בכל ענינים



פרשת בראשית
תשפ"ז
גליון 49

# פרדס התורה

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן תשפ"ו אחר קבלת יסודים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.

אידיש

## פתיחת הזמן

# "בראשית": וויסן ביים אנהייב זמן די אומשאצבארע כוחות פון א אידישע נשמה

### די התחדשות פונעם נייעם זמן

**"בראשית!"**

**מ'פאנגט אָן מיט א פרישקייט!**

צענדליגער טויזנטער אידן, רבבות אלפי ישראל, פאנגען אָן דעם נייעם זמן. מ'פאנגט אָן א נייע פרק, מ'פאנגט אָן א נייע מסכתא, מ'פאנגט אָן א נייע מקצוע אין שולחן ערוך. און נישט נאָר די תלמוד תורה'ס, די ישיבות און די כוללים פאנגען אָן א נייעם זמן; די מציאות איז, אז יעדעס יאר ווען מ'פאנגט אָן דעם נייעם זמן בראשית, נתוספו ספסלי בית המדרש. אלע בתי מדרשים ווערן פולער פון יאר צו יאר, און די שיעורי תורה ווערן אלץ מער און מער, קע"ה.

נאך א זאך טרעפט מען, אז ביים התחלת הזמן, אפילו די וואס זענען שוין עוסק בתורה מדי שנה בשנה מיט א התמדה רבה, פילן אבער א התחדשות ווען עס קומט א נייער זמן. די מציאות הדברים איז, אז יעדעס יאר ברענגט די התחדשות פון פרשת בראשית מיט זיך אזא מין 'סייעתא דשמיא' און א לעכטיגקייט אויף די וועלט, אז יעדער איינער לייגט צו פרישע לימודים. טויזנטער אידישע קינדער זענען מוסיף בלימודם. דער פאנגט אָן דאס פרישע יאר מיט מוסיף זיין אין לימוד חומש רש"י, דער לייגט צו רמב"ן, דער פאנגט אָן א שיעור משניות, דער איז מוסיף הלכה יומית, און א צווייטער איז מוסיף לערנען מוסר.

די התחדשות ביי כלל ישראל ברענגט אריין פרישע רבבות אלפי ישראל אין דער התמדה בתורה, און ווי אויך די אלע וואס זענען ב"ה זוכה צו זיין אין בית המדרש "שבתי בבית ה' כל ימי חיי" א גאנץ יאר, לייגן צו פרישע לימודים פאַרן נייעם יאר ווען עס קומט פרשת בראשית.

## אינעם גליון:

3 פתיחת הזמן
8 השתוקקות
9 א טיפערן בליק
10 הילולא דצדיקיא

### בראשית - ב' ראשית:
### אנפאנגען פריש צוויי מאָל

אין אזא זמן דארף מען געדענקען דאס ווארט פונעם הייליגן **לעכאוויטשער** זי"ע: "בראשית - ב'ראשית". א איד דארף וויסן אז **מ'פאנגט אָן צוויי מאל**. איינמאל ביים אנפאנג זמן, ווען מ'הייבט אָן א נייע מסכתא, א נייע סימן, א נייע מקצוע אדער א נייע לימוד. אבער נאכדעם דארף מען וויסן און שוין טראכטן פאראויס, אז **אין צוויי וואכן ארום** וועט ער

אפשר פארשלאפן פארטאגס... אין צוויי וואכן ארום וועט ער האבן א שמחה אדער א צווייטע אונס און ער וועט פארפאסן זיין שיעור גמרא אדער זיין שיעור אין חומש רש"י... **דעמאלטס דארף מען וויסן אז מ'דארף אנפאנגען נאכאמאל מיט א התחדשות א צווייטע מאל.**

ווען מ'ווייסט דאס פון פאָראויס ביים אנפאנג - אז אין א חודש ארום וועט דער יצר הרע קומען און פארדרייען דעם קאפ מיט טענות ווי "קוק אָן, דו ביסט שוין דורכגעפאלן" - דארף מען זאגן פאַרן יצר הרע: "איך האב מיך שוין אנגעגרייט אנפאנג זמן א 'לחם משנה'... א דאפלטע פּאָרציע, איך האב מיך אנגעגרייט אז אינמיטן דעם זמן זאל איך קענען נאכאמאל אנפאנגען מיט א התחדשות".

זאגט דער הייליגער לעכאוויטשער: **"בראשית - ב' ראשית", א איד מוז אייביג וויסן אז מ'פאנגט אָן צוויי מאל: איינמאל ביים אנפאנג זמן, און נאכאמאל נאך א כשלון פאנגט מען אן פריש פון דאס ניי.**

## דער כוח פון א איד אלס א "בן מלך"

ווען מ'פאנגט אן א נייעם זמן, דארף מען כסדר חזר'ן די נפלאות'דיגע כוחות וואס א אידיש קינד האט אין זיך. מ'דארף האלטן אין איין חזר'ן דאס ווארט וואס ווערט געברענגט אין די ליקוטים פונעם הייליגן ספר '**בית אהרן**', וואס דער הייליגער **רבי שלמה'לע קארלינער** זי"ע פלעגט זאגן:

**"דער גרעסטער חטא פון א איד איז, אז ער פארגעסט אז ער איז א בן מלך!"**

א אידיש קינד דארף וויסן אז א 'בן מלך' מיינט אז איך האב מורא'דיגע כוחות אין מיר. א קינד פונעם טאטן אין הימל, מיינט אז איך האב אין מיר כביכול א חלק אלוקי ממעל.

ממילא, ווען א מענטש טראכט: "וועל איך קענען אויפשטיין פארטאגס? וועל איך קענען לערנען ברציפות צוויי-דריי שעה? וועל איך קענען ענדיגן די מסכתא היי יאר?"

דארף ער געדענקען: "בנים אתם לה' אלקיכם", און איך האב כביכול א חלק אלוקי ממעל אין מיר. עס איז טאקע אמת אז אויב איך וועל קוקן אויף מיינע גשמיות'דיגע און גופניות'דיגע כוחות, בין איך מורא'דיג באגרעניצט. אבער **אויב דער פשט איז אז איך בין א מלאך, אדער גאָר א קינד פונעם אייבערשטן – א חלק אלוקי ממעל וואס איז גרעסער פון א מלאך – און איך גיב דיר די כוחות פון א מלאך און נאך מער, דעמאלטס וועל איך אוודאי מצליח זיין.**

## קענען די אייגענע כוחות און מעלות

דער מיר'ער משגיח, דער צדיק יסוד עולם, **רבי ירוחם** זי"ע, פלעגט זאגן: **א מענטש דארף, פונקט ווי א בעל מלאכה, האבן זיינע כלים און וויסן צו וואס ער איז פעאיג.** ווייל אויב נישט, ווייסט ער נישט וועלכע עבודה אדער ארבעט ער זאל אנפאנגען. א מענטש דארף וויסן וואס זיינע כוחות זענען און צו וואס ער איז פעאיג - צי צו זיין א שניידער אדער א דאקטאר. ער דארף קענען זיינע כוחות און האבן די כלי עבודה.

פלעגט רבי ירוחם זאגן אזוי: **דאס וואס א מענטש קען נישט זיינע 'חסרונות' איז טאקע א חסרון, אבער אויב א מענטש קען נישט זיינע 'מעלות' און ווייסט נישט זיינע כוחות, וויאזוי קען ער דעמאלטס אנפאנגען זיין עבודה? ער איז דאך ווי א בעל מלאכה וואס ווייסט נישט פאר וועלכע מלאכה ער איז פעאיג, און אפילו אויב ער ווייסט יא, האט ער נישט זיינע כלי עבודה און האט נישט מיט וואס צו גיין צו דער ארבעט.**

ביים אנפאנג זמן דארפן מיר האבן אמונה און בטחון אז מיר האבן אין זיך כוחות וואס זענען גרעסער פון מלאכים!

## די אמונה און מסירות נפש פונעם פאנעוויזשער רב זי"ע

עס איז דא א מורא'דיגע מעשה וואס ברענגט ארויס די נקודה מיט א שטארקע קלארקייט, צו ווייזן וואסערע כוחות מיר האבן.

עס איז באקאנט אז אינמיטן און אביסל נאך דער צווייטער וועלט מלחמה, איז איינער פון די גרעסטע בונה עולמה של תורה און דעם יהדות החרדית געווען, דער הייליגער **פאנעוויזשער רב** זי"ע. אויסער דעם וואס ער האט אויפגעבויט פאנעוויזשער ישיבה, איז ער געווען דער בונה עולמה של תורה אין גאנץ ארץ הקודש. ווען מ'האט געזען זיין מסירות נפש, זיין חשק, זיין התלהבות און זיין ענערגיע - ווי אזוי ער בויט מיט אזא בטחון ממש אינמיטן און גלייך נאך די מלחמה - האט דאס געגעבן חיות פאר אלע אנדערע ראשי ישיבות צוריק אויפצובויען זייערע ישיבות.

הגם די אלע אנדערע הונדערטער ישיבות האבן נישט געטראגן דעם נאמען פנוביז', איז עס אבער אלס געווען לזכותו, ווייל ער האט געוויזן פאר יעדעם אז ער איז דער 'נחשון' וואס דערשרעקט זיך נישט פונעם יצר הרע פון ייאוש אדער פונעם יצר הרע וואס טענה'ט 'נער וקטן אנכי'. ער איז

אריינגעטאנצן ווי נחשון, און מיט דעם כח האט ער טאקע מצליח געווען.

מיר וועלן דא פארציילן בלויז אַן 'אפס קצהו', כדי די וואס ווייסן נישט זאלן כאפן פון וואס מ'רעדט.

דער פאנעוויזשער רב האט נאך אינדערהיים, אין פאנעוועזש און אין אנדערע שטעט, אויפגעבויט תלמוד תורה'ס, ישיבות, מתיבתא'ס און מיידל שולעס.

וויבאלד דער פאנעוויזשער רב פלעגט ארומפארן איבער דער גאנצע וועלט נאך געלט, האט ער געהאט א וויזע און געקענט פאָרן וואו ער וויל. ער איז דורכגעפארן בערלין ממש אינמיטן די יארן פון די רשעים ימח שמם, און פון דארט איז ער געגאנגען קיין איטאליע ביז ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, וואו ער האט צום סוף געברענגט זיין משפחה.

מיר האלטן יעצט אין יאר **תש"א**, און דער פאנעוויזשער רב געפינט זיך אין ארץ ישראל.

ער גייט צו צו ר' יעקב האלפערין און זאגט אים: **"איך וויל דעם בארג. איך וויל דא בויען א ישיבה פאר טויזנט בחורים"**.

מען דארף פארשטיין אז די גאנצע וועלט האט דעמאלטס געציטערט. עס איז געווען ביים אנהויב פון די צווייטע וועלט מלחמה, די וועלט איז געווען צערודערט, אבער דער פאנעוויזשער רב חלומ'ט ווייטער.

כ"ח אייר תש"א, ווען די גאנצע וועלט איז געווען איינגעהילט אין די צווייטע וועלט מלחמה און מען האט געהערט די שרעקליכע בשורות וואס טוט זיך אָפּ אין אייראפע, האט ארץ ישראל געציטערט פאר שרעק, נישט וויסנדיג וואס דער מארגן וועט ברענגען. דאך, **פונקט דעמאלטס, לייגט דער פאנעוויזשער רב דעם אבן הפינה פאר די פאנעוויזשער ישיבה...**

## דער 'כח הדמיון' און בויען ישיבות אינמיטן די מלחמה

נישט נאָר דאס, נאר ער איז ארומגעגאנגען נאך געלט צו בויען א ישיבה פאר טויזנט בחורים, אריינגערעכנט א דארמיטארי (פנימי'). דער עולם האט ממש געהאלטן אז ער איז ארויס מדעתו, וויבאלד ער האט געוואוסט אז קיין אייראפע קען ער שוין נישט צוריקגיין, און אלע זיינע ישיבות, תלמוד תורה'ס און מיידל שולעס - וואו עס האבן געלערנט איבער צוויי טויזנט תלמידים ותלמידות - זענען געגאנגען בלהבות אש רח"ל. מען האט געמיינט אז די צער האט אים בארירט דעם שכל.

מען איז געקומען צום הייליגן **'חזון איש'** זי"ע און געזאגט אז דער פאנעוויזשער רב איז א 'בעל דמיון' און לעבט אין א פאנטאזיע. האט דער חזון איש געענטפערט עטליכע זאכן: ערשטנס האט ער געזאגט, **"איר זעט נישט אז מען זאגט אים פון הימל ער זאל בויען? פארוואס מישט איר זיך אריין?"**

א צווייטע מאל האט ער געזאגט, **"עס איז אמת אז דער פאנעוויזשער רב איז א גרויסער בעל דמיון"** - און דער חזון איש האט נישט געמיינט אז ער איז א פאנטאזיסט, נאָר א בעל דמיון - **"אבער א מענטש דארף וויסן, אז אָן דעם כח הדמיון קען ער נישט מצליח זיין אין לעבן"**.

עכ"פ, דער פאנעוויזשער רב בויעט א ריזיגע ישיבה אינמיטן די וועלט מלחמה. אזוי ווי ער האט געדארפט געלט, האט ער אנגעהויבן ארומצוגיין נאך נדבות. שטעלט אייך פאָר: ער קומט אריין אין א בית המדרש, קלאפט אויפ'ן טיש און מאכט אַן 'אַפּיל'. דער פאנעוויזשער רב הייבט אָן זאגן א פייערדיגע דרשה: "רבותי, הצילו, ראטעוועט'ס! מען דארף ראטעווען א ישיבה פון טויזנט בחורים!"

נאך זיין פייערדיגע דרשה זענען מענטשן צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: "וואו איז די ישיבה וואס מען דארף ראטעווען? געפינט זיך די ישיבה אין אייראפע?" ענטפערט דער רב: "ניין, די ישיבה איז נישט אין אייראפע, די ישיבה איז אין ארץ ישראל". פרעגן די מענטשן ווייטער: "א ישיבה אין ארץ ישראל? וואו איז דא אזא ישיבה?" זאגט דער פאנעוויזשער רב: "די ישיבה עקזיסטירט נאך נישט, עס איז נאכנישט דא קיין ישיבה". "אפשר," פרעגט מען אים, "איז די ישיבה כאטש אין א קאראוואן?" זאגט ער: **"ניין, אפילו קיין קאראוואן איז נישטא, און איך האב אפילו נאך קיין בחורים אויך נישט..."**

דער עולם האט אים געפרעגט מיט וואונדער: "פאר וואס מאכסטו דא אַן אַפּיל? דו ווייסט נישט אז עס איז יעצט א וועלט מלחמה? דו ווייסט נישט וואס עס טוט זיך אפ מיט די אידן אין אייראפע? דו מאכסט אן אפיל פאר א ישיבה וואס עקזיסטירט נישט און דו האסט ניטאמאל קיין בחורים? דאס איז דאך בלויז א חלום!"

אבער אזוי איז דער פאנעוויזשער רב ארומגעגאנגען פון איין בית המדרש צום צווייטן, און פון איין גביר צום צווייטן, כדי צו בויען די פאנעוויזשער ישיבה. א יאר שפעטער, **ד' כסלו**, האט זיך די פאנעוויזשער ישיבה טאקע געעפנט מיט זעקס בחורים, צווישן זיי די צוויי גדולי

עולם: **רבי גרשון אדלשטיין** זצ"ל, וואס איז שפעטער געווארן דער פאנעוויזשער ראש ישיבה, און זיין ברודער **רבי יעקב אדלשטיין** זצ"ל.

**מיט זעקס בחורים האט זיך עס אנגעהויבן, אבער צום סוף האט ער מצליח געווען אויסצופירן אלע זיינע דמיונות און חלומות.**

## די אומשאצבארע כוחות פון א נשמה

דער פאנעוויזשער רב, וועמען דער חזון איש האט אנגערופן א 'בעל דמיון' וואס פירט אויס, פלעגט זאגן אז עס איז געווען א פשוט'ער איד אין אמעריקע וואס האט אים מנצח געווען. דער איד האט אים געוויזן אז ער פארשטייט נאך אלץ נישט די עכטע כוחות פון א איד.

דער פאנעוויזשער רב האט געזאגט: "**אויב איך האב געמיינט אז איך פארשטיי די כוחות פון א איד, און אז מען דארף גיין ווייטער און קיינמאל נישט אויפגעבן, איז געקומען דער איד און מיר געוויזן אז איך הייב אפילו נישט אן צו פארשטיין וואס דער כוח פון א איד באדייט**".

הערט א מעשה וואס דער פאנעוויזשער רב אליינס האט דערציילט: איינמאל ווען ער איז געווען אין אמעריקע נאך געלט - ער פלעגט אָפט פאָרן אהין, סיי ווען ער איז נאך געווען רב אין פאנעוויזש און סיי שפעטער ווען ער איז שוין געווען אין ארץ ישראל - איז ער אנגעקומען קיין ניו יארק. ער איז איינגעשטאנען אין א געוויסע געגנט, אבער ער האט נישט דורכגעפירט זיין מגבית דארט וואו ער איז איינגעשטאנען. ערשטנס איז ער געפארן צו א שטאט וואס איז געווען אכט שעה אוועק פון ניו יארק, כדי צו מאכן א מגבית פאר זיין ישיבה און תלמוד תורה.

דער פאנעוויזשער רב פאָרט די לאנגע וועג און קומט אָן אהין. ער האט שפעטער דערציילט אז אין יענעם ארט האט ער געזען אז דער עולם איז זייער ווייט פון אידישקייט. פונדעסטוועגן, ווען דער פאנעוויזשער רב פלעגט זאגן א דרשה, איז זיין מנהג געווען נישט צו רעדן גלייך וועגן זיין ישיבה. דאס איז נישט געווען דער עיקר פונקט. זיין הויפט דרשה איז שטענדיג געווען איבער לימוד התורה און די חשיבות פון די הייליגע תורה, וואס איז "כי הם חיינו ואורך ימינו". דערנאך, אויב עס איז געווען א שטאט אן א תלמוד תורה, פלעגט ער רעדן צו זיי אז זיי זאלן אליינס עפענען א תלמוד תורה. ערשט צום סוף פלעגט ער דערמאנען דעם צוועק פאר וועלכן ער איז געקומען.

די דרשות האבן נישט בלויז דערוועקט די אידן צו געבן געלט פאר'ן פאנעוויזשער רב, נאָר זיי האבן אויפגעוועקט אידישע קינדער צו תורה און יראת שמים, און מענטשן האבן געטאן תשובה. עס זענען אפילו אויסגעוואקסן גדולי עולם דערפון. איינער פון די באקאנטע גדולי ישראל אין אמעריקע, **רבי מרדכי גיפטער** זצ"ל, דער טעלז'ער ראש ישיבה, איז געווען א קינד אין באלטימאר ווען דער פאנעוויזשער רב איז דארט אנגעקומען.

דער רב האט געזאגט א דרשה כדרכו בקודש, ארומרעדנדיג מיט התלהבות איבער תורה און ישיבות, און ערשט דערנאך גערעדט וועגן זיין מגבית. ווען רבי מרדכי גיפטער האט דאס געהערט, איז ער אזוי נתעורר געווארן, אז ער האט געזאגט פאר זיין פאָטער אז ער פארט קיין אייראפע לערנען אין 'מיר'. ער איז טאקע אויסגעוואקסן דער גרויסער טעלז'ער ראש ישיבה. און נאך פילע אנדערע זענען נתעורר געווארן פון די דרשות.

## בין דרשה לְדרשה...

לאמיר צוריקגיין צו די מעשה: דער פאנעוויזשער רב געפינט זיך אכט שעה אוועק פון ניו יארק, און ער האלט א דרשה פאר מענטשן וואס זענען ווייט פון אידישקייט, אבער ער רעדט מיט זיין גאנצן ברען און התלהבות. ער האט שפעטער געזאגט אז יענע דרשה איז געווען אַן 'אב מלאכה', עפעס אן אויסערגעוויינליכע דרשה. נאכדעם וואס ער האט געענדיגט די דרשה און געמאכט זיין מגבית, איז ער צוריקגעפארן די אכט שעה קיין ניו יארק.

ער איז אנגעקומען קיין ניו יארק און אנגעהויבן גיין אין די בתי מדרשים אין די געגנט. ווי זיין שטייגער, פלעגט ער אין יעדן בית המדרש זאגן א דרשה, בפרט שבת קודש, און רעדן מיט א פייערדיגע התלהבות איבער די חשיבות פון די הייליגע תורה.

דער פאנעוויזשער רב איז יענע וואך געגאנגען אין א בית המדרש, ער איז ארויף אויפ'ן בימה און זיך ארומגעקוקט אויפן עולם, און ער באמערקט אז ס'איז דארט דא א איד וואס קומט פון יענע שטאט וואו ער איז יעצט געווען, וואס געפינט זיך אכט שעה אוועק. דער פאנעוויזשער רב האט זיך אנגעהויבן צו בארעכענען: אויב דער פשט איז אז דער איד קומט פון דעם פלאץ וואו איך האב יעצט געזאגט די דרשה, קען ער דאך שוין מיין דרשה. און אויב ער קען שוין מיין דרשה, קען איך דאך נישט איבערזאגן די זעלבע זאך.

פון די אנדערע זייט האט דער פאנעוויזשער רב געטראכט אז די דרשה איז געווען אזא 'אב מלאכה', עס איז געווען אזא מין גוטע דרשה, און למעשה קיינער פונעם עולם דא קען עס נאך נישט, איז דאך כדאי עס איבערצוזאגן.

דער פאנעוויזשער רב איז אזוי געגאנגען אין זיין מחשבה הין און צוריק און זיך מפלפל געווען, **ביז ער האט מחליט געווען אז לכבוד דעם איד וואס איז שוין געווען ביי זיין דרשה, וועט ער זאגן א נייע דרשה**. עס קומט זיך אים נישט ער זאל דארפן איבערהערן די זעלבע דרשה נאכאמאל. און דער פאנעוויזשער רב האט טאקע געזאגט א נייע דרשה אויפ'ן פלאץ פארן גאנצן עולם.

## אַכט שעה פאָרן צו הערן א דרשה נאכאמאל

צום סוף פון די דרשה איז דער איד צוגעקומען און געגעבן 'שלום עליכם' פארן פאנעוויזשער רב. דער פאנעוויזשער רב זאגט אים: "עליכם שלום, איך האב אייך דארטן געזען, איר קומט פון דארט?" זאגט דער איד: "יא". פרעגט ער דעם פאנעוויזשער רב: "פארוואס האט איר נישט איבערגעזאגט די דרשה?" דער פאנעוויזשער רב קוקט אים אָן און פרעגט: "פארוואס זאל איך איבערזאגן די דרשה?" זאגט ער: "איך האב א תביעה אויפן רב, פארוואס האט דער רב נישט איבערגעזאגט די דרשה?" האט אים דער פאנעוויזשער רב געזאגט: "איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך האב אייך געזען און געטראכט אז לכבודכם וועל איך זאגן א נייע דרשה".

האט דער איד געזאגט פאַרן פאנעוויזשער רב: "איך וועל אייך פארציילן, איך וואוין נישט דא, איך וואוין אין יענע שטאט פון וואו איר קומט, אכט שעה אוועק. איך בין געווען זייער ווייט פון תורה ומצוות, אבער ווען איר זענט געקומען און גערעדט פון די הייליגע תורה, פון מצוות און אידישקייט, האט איר גערעדט מיט אזא ברען, מיט אזא מתיקות און אזא לעבעדיגקייט וועגן וואס עס מיינט צו זיין א איד וואס לערנט בהתמדה און היט די מצוות, אז איך האב מחליט געווען אז איך טויש מיין לעבן".

מען דארף דא צולייגן אז אין יענע צייטן האט טוישן א לעבן געמיינט כשר'ן די גאנצע קאך, קויפן נייע בגדים, די גאנצע שטוב דרייט זיך איבער!

האט דער איד ווייטער געזאגט: "איך בין אהיימגעגאנגען און געזאגט פאר מיין רעביצין אז אונזער שטוב ווערט א נייע שטוב! אבער נאכדעם האב איך געטראכט צו מיר, אז אזוי ווי די דרשה האט מיר געגעבן אזא התעוררות איבערצודרייען מיין גאנצע שטוב, וויל איך גיין הערן די דרשה נאכאמאל. בין איך צוגעגאנגען צו אייער גבאי און אים געפרעגט וואו אייער נעקסטע סטאנציע איז, האט ער מיר געזאגט אז מען פאָרט קיין ניו יארק, א וועג פון אכט שעה. **בין איך געגאנגען און געמאכט די גאנצע רייזע פון אכט שעה, כדי איבערצוהערן די דרשה וואס איר האט געזאגט.** אבער יעצט ווען איך בין אנגעקומען, האט איר געזאגט א צווייטע דרשה..."

דער פאנעוויזשער רב האט דעמאלטס געזאגט: "**וויפיל איך האב געהאלטן אז איך פארשטיי וואס עס מיינט א אידישע נשמה, וואס עס מיינט זיך צו שטארקן אויף יאוש און אנגיין מיטן לעבן מיט א ברען, האט דער איד מיר מנצח געווען! ער האט מיר געוויזן אז איך ווייס נישט וויאזוי אפצושאצן א איד**".

דער פאנעוויזשער רב האט אויסגעפירט אז עס איז אים אפילו נישט בייגעפאלן צו טראכטן אז א איד וועט פארן אכט שעה פון יענעם שטעטל נאר כדי צו הערן זיין דרשה נאכאמאל און זיך מעורר זיין. "**דער איד נצחני!**" - ער האט מיר מנצח געווען.

## דער מוסר השכל

די מעשה באלייכט די גאנצע וועלט!

דער פאנעוויזשער רב, דער גרויסער בעל החלומות וואס האט אויפגעשטעלט א 'לגיון של מלך' - נישט נאר די פאנעוויזשער ישיבה, נאר ער האט אנגעצינדן א פייער אין גאנץ ארץ ישראל אז אנדערע ראשי ישיבות זאלן עפענען נאך ישיבות - ער האט געזאגט אז דער פשוט'ער איד האט אים מנצח געווען.

מען קען נישט אפשאצן די כוחות פון א איד. **א אידיש קינד האט איבערגעדרייט זיין גאנצע שטוב לטובה, און פאר אביסל איבעריגע חיזוק איז ער געקומען צו פאָרן אַכט שעה!**

דאס דארפן מיר וויסן ביים אנהויב זמן, אז די מעשה פונעם פאנעוויזשער רב רעדט צו יעדן איינעם פון אונז:

**יעדער איינער פון אונז האט דעם כח צו ענדיגן מסכתא נאך מסכתא! מקצוע נאך מקצוע! מוסר ספר נאך מוסר ספר! צו לערנען בהתמדה שעות רצופות! אויפצושטיין פארטאגס! און זיין דבוק אין די הייליגע תורה!**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א לעכטיגע זמן, ובשם ה' נעשה ונצליח!

# קוק נישט אויף די פאַקטן, קוק אויף די השתוקקות!

## דער גרויסער טעות: מעסטן עבודת ה׳ לויטן "באַנק-ביכל"

מענטשן האבן א גרויסן טעות: **זיי קוקן אָן דעם 'באַנק-ביכל' פון עבודת ה׳ און אז מ'האט נישט פארקויפט, הייסט עס נישט מצליח געווען.**

לדוגמה, עס קומט א שבת קודש; אויב למעשה האט ער אפגעראכטן א שבת קודש כדבעיא, ער האט געדאוונט מיט התלהבות, געלערנט שעות רצופות, אויפגעשטאנען פאַרטאָגס און געהאט א דערהויבענע סעודה, דאס רופט ער א "מצליח'דיגע שבת". וואס געשענט אבער אויב ער איז געווען אביסל פארשלאפן פארטאגס, ער איז געווען מיד און נישט געקענט לערנען אזוי פלייסיג? ער האלט גלייך אז דאס איז נישט קיין מצליח'דיגע שבת.

## דער גילוי פונעם 'אבני נזר' זי"ע

קומט אבער דער הייליגער **'שם משמואל'** זי"ע (פרשת כי תשא, שנת תר"ע) ס'איז געווען אין די ימי אבלות נאך זיין טאטן, דער הייליגער **'אבני נזר'** זי"ע - און יענעם שבת האט ער געזאגט א תורה וואס גאנץ 'פוילן' האט זיך אויפגעשאקלט דערפון.

דער אבני נזר האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע מעלה פון א אידיש קינד וואס האט כיסופין און השתוקקות צום אייבערשטן. דער אבני נזר איז אונז מגלה אז דו האסט א גרויסן טעות.

מוצאי שבת, ווען דו מאכסט דיר א חשבון נאך הבדלה אז דער שבת איז נישט געווען קיין געלונגענער שבת, זאלסטו וויסן אז אויבן אין הימל איז דא א ריקוד של שמחה! אויבן אין הימל זאגט מען אז דו האסט געהאט א פלא'דיגע הצלחה דעם שבת! פארוואס? **ווייל דו האסט געהאט כיסופין און השתוקקות.**

אויבן אין הימל קוקט מען ווי אזוי דו האסט זיך אנגעגרייט א גאנצע וואך, מען קוקט ווי אזוי דו האסט זיך צוגעגרייט ערב שבת, און מען קוקט ווי אזוי דו האסט אריינגעלייגט אזויפיל יגיעה כדי צו האבן א שטארקע דאווענען, א שטארקע סעודה און א שטארקע התמדה. **הגם לבסוף האסטו נישט מצליח געווען בפועל, אבער למעשה אין הימל ברעכן די כיסופין מיט די השתוקקות אלע הימלען!**

עד כדי כך, אז דער אבני נזר האט געזאגט אז **דאס איז איינע פון די גרעסטע כוחות ארויסצונעמען א מענטש פון גיהנום!**

לאמיר נאכזאגן דעם מאמר, און מיר וועלן דא זען דברים נפלאים.

דער שם משמואל שרייבט אזוי: מיין טאטע, דער הייליגער אבני נזר, האט געזאגט, **"אם תהיה לאדם השתוקקות וכיסופין לעבודת השם יתברך"** - אז א מענטש האט א השתוקקות און כיסופין צו עבודת השם, ער האט כיסופין אויפצושטיין פארטאגס, ער האט כיסופין צו לערנען בהתמדה, ער האט כיסופין צו היטן די אויגן, **"אזי אי אפשר שיהיה בגיהנום"** - דו קענסט נישט זיין אין גיהנום! דאס איז א הבטחה פונעם הייליגן אבני נזר אז אזא מענטש וועט נישט זיין אין גיהנום.

**"ואם יהיה שם"** - און אויב דו וועסט יא דארט זיין חלילה, **"ערב אני בדבר"** - דער אבני נזר גיבט אן ערבות - **"שהתשוקה ההיא"** - די השתוקקות וואס דו האסט געהאט צו עבודת השם - **"תוציא אותו החוצה משם כחץ"** - דאס מיינט, דו וועסט ארויספליען פון גיהנום ווי א פייל פון א בויגן!

כידוע שרייבט דער הייליגער אבני נזר אין זיינע 'תשובות' (אבן העזר, סימן קכ"א) אז **מען דארף מדייק זיין אין זיינע ווערטער פונקט ווי אין די ווערטער פון די ראשונים**, און דא האבן מיר אן הבטחה פונעם אבני נזר.

## ארויס פון יסורים און פחדים בעולם הזה בעולם הבא!

יעדער איינער פון אונז קען מאכן א ליסטע און פארשרייבן הונדערטער און טויזנטער כיסופין און השתוקקות וואס א מענטש האט דורכאויס א וואך. מיר זענען אָפּט-מאָל צעבראכן און מיר קוקן אַראָפּ אויף זיך אליין, ווייל מיר האלטן אז סוף-כל-סוף האט מען עס נישט אויסגעפירט.

קומט דער אבני נזר און זאגט: עס איז נישט ריכטיג! נישט נאָר האסטו עס יא אויסגעפירט - ווייל "מחשבה טובה הקדוש ברוך הוא מצרפה למעשה" - נאָר דאס איז איינע פון די גרעסטע כוחות וואס וועט אונז ארויסנעמען פון גיהנום.

כידוע איז דא א גיהנום אויף 'דער וועלט'. א גיהנום אויף דער וועלט מיינט צער, יסורים און דאגות, ווי אויך די חבלי יצר הרע וואס מוטשעט דעם מענטש. **אז דער אבני נזר האט געזאגט אז מיר גייען ארויס פון גיהנום, מיינט עס סיי בעולם הזה און סיי בעולם הבא!**

## א טיפערע בליק

# די חילוק צווישן 'נהמא דכיסופא' און אייגענע ארבעט

### דער הרגשה פונעם מענטש ווען ער באקומט פון יענעם אדער טוט זיין אייגנס

די חיות פון א מענטש, אז א מענטש זאל שפירן 'לעבעדיג'. מיר אלע קענען דעם באקאנטן **ירושלמי** אין מסכת ערלה (א, ג), אז אויב איינער דארף עסן "נהמא דכיסופא" - ברויט פון בושה, אומזיסטיגע ברויט - ער לעבט איגנאנצן פון א גמ"ח, זיינע קליידער קומען פון א גמ"ח, זיין עסן קומט פון צדקה, און זיין רענט ווערט געצאלט ווייל מ'שטעלט אים צו געלט, אזא מענטש איז פול מיט בושה און ער קען נישט קוקן קיינעם אין פנים.

די **גמרא** זאגט אין מסכת ברכות (ו, ב), אז ווען א מענטש דארף אנקומען צו מענטשן "משתנות פניו ככרום", זיין פנים טוישט זיך צו עטליכע קאלירן. ווידער א מענטש וואס געניסט פון זיין אייגענער ארבעט, ער באצאלט פאר זיינע אייגענע קליידער און זיינע אייגענע בילס, אזא מענטש שפירט זיך ווי א מענטש.

זאגט דער הייליגער '**בית יוסף**' אין ספר 'מגיד מישרים', דער הייליגער **אור החיים הק'** אין פרשת בא, און דער הייליגער '**מסילת ישרים**' אין זיין הקדמה, אז דער אייבערשטער האט אראפגעשיקט דעם מענטש אויף דער וועלט ווייל אויף יענע וועלט איז געווען 'נהמא דכיסופא', ס'איז געווען א בושה. **דא אויף דער וועלט דארף ער ארבעטן**, דא האט ער א יצר הרע, דא האט ער נסיונות. ס'איז שווער אויפצושטיין פארטאגס, ס'איז שווער צו לערנען בהתמדה און נישט מפסיק זיין אינמיטן לערנען, ס'איז דא א שוועריגקייט זיך צוריקהאלטן פון רעדן לשון הרע, שמירת עינים, שמירת המחשבות - א געוואלדיגע ארבעט!

**אבער למעשה שפירט מען זיך גוט, מען איז שוין מער נישט קיין "פארשעמטער מענטש".**

### דער חילוק צווישן א 'באר' און א 'מעיין' לויטן מהר"ל

אין די הקדמה פונעם ספר '**שב שמעתתא**' ברענגט ער פונעם הייליגן **מהר"ל** אין 'גור אריה' (בראשית ל, א) א מורא'דיגן יסוד.

מיר ווייסן אז עס זענען דא צוויי מיני מקוואות: עס איז דא א מקוה וואס קומט פון רעגן וואסער, דאס ווערט אנגערופן א 'בור מים' אדער אַן 'אשבורן', דאס מיינט אז עס איז צוזאמגענומענע וואסער וואס מען האט אריינגעגאסן. נאכדעם איז דא א 'מעיין', א קוואל, וואס ווערט אנגערופן א 'באר מים חיים' - קוועלעדיגע וואסער.

פרעגט דער מהר"ל: וואס איז דער חילוק צווישן די צוויי מקוואות? פארוואס ווערט דער קוואל אנגערופן א 'באר מים חיים'? פארוואס ווערט עס אנגערופן **לעבעדיגע וואסער**?

זאגט דער הייליגער מהר"ל: ווייל א מקוה וואס האט נישט קיין אייגענע וואסער, נאָר מען גיט עס אריין אין איר, איז פארשעמט. אבער קוועלעדיגע וואסער גיט פון זיך אליינס, ממילא הייסט עס 'חיים' - לעבן.

זאגט דער מהר"ל: א מענטש וואס נעמט נאָר פון יענעם, א מענטש וואס לעבט נאָר מיט התעוררות פון אויבן, ער שלאגט זיך נישט מיט זיין יצר הרע, ער איז געבוירן געווארן מיט א גוטן קאָפּ, אין א מורא'דיג חשוב'ער שטוב, און אלעס גייט אים גרינג - זאגט דער הייליגער מהר"ל: דו ביסט ממש 'חשוב כמת'... דו ביסט ווי א טויטער מענטש.

**דו ווייסט ווער עס הייסט א לעבעדיגער מענטש?**

איינער וואס איז געבוירן געווארן נישט מיט אזא גוטן קאָפּ, איינער וואס איז געבוירן געווארן מיט שלעכטע מידות, אדער ביי עלטערן וואס האבן נישט אזוי גוט מחנך געווען און ער האט נישט געהאט דעם בעסטן חינוך אלס קליין קינד, אבער ער זוכט זיך מתגבר צו זיין, ער שלאגט זיך, ער האט שווערע נסיונות און ער לייגט אריין זיין אייגענע עבודה - **ער הייסט א קוואל וואסער, א 'באר מים חיים', ווייל**

**ער גיט זיין אייגענע וואסער**. זאגט דער מהר"ל: **אזא מענטש ווערט אנגערופן א לעבעדיגער מענטש**.

קומט אויס אז מיר האבן דא צוויי מענטשן: מיר האבן א מענטש וואס איז פול מיט כשרונות און אלעס איז לעכטיג פון אינדרויסן, אבער בעצם איז ער א 'מת'. און מיר האבן א מענטש פול מיט נסיונות פון אלע זייטן, מיט יצר הרע'ס וכו', אבער ער איז א 'באר מים חיים', ער איז א לעבעדיגער מענטש. פארוואס? **ווייל ער גיט פון זיין אייגנס**.

### "נשמת חיים" - די נשמה ווערט לעבעדיג דורך די עבודה פונעם גוף

יעצט פארשטייט מען וואס דער הייליגער **'שבט מוסר'** זאגט אויף דעם וואס עס שטייט אין די וואכענדיגע סדרה (בראשית ב, ז) "**וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים**", דער אייבערשטער האט אריינגעבלאזן אינעם מענטש א לעבעדיגע נשמה.

לכאורה דארף מען פארשטיין: **די נשמה איז דאך שוין געווען לעבעדיג דארט אויבן אין הימל, וואס איז יעצט נתחדש געווארן?**

דער תירוץ איז: אויבן אין הימל איז זי טאקע געווען א נשמה, אבער זי איז געווען 'חשוב כמת'. פארוואס? ווייל עס איז נישט געווען איר אייגנס, עס זענען אלץ געווען 'מתנות'. אבער **דא אויף דער וועלט, נאכדעם וואס דער מענטש איז באשאפן געווארן פון ערד און ער איז א חלק מן האדמה, ער האט שפלות אין זיך, ער האט שווערע נסיונות, שווערע מידות און שוועריגקייטן צו דינען דעם אייבערשטן - יעצט ווען דער אייבערשטער לייגט אין אים אריין א נשמה, ווערט די נשמה אנגערופן א 'נשמת חיים'.**

דוקא יעצט שטייט "וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים", ווייל יעצט הייסט עס **לעבעדיג**. ווען דו וועסט נעמען דעם גוף, מיט דיינע שוועריגקייטן, און דו וועסט היטן דיינע אויגן, היטן דיינע מחשבות, נישט רעדן לשון הרע, און זיך ארויסדרייען פון אלע מיני עצבות, מרה שחורה און עצלות, און דו וועסט זיך מחזק זיין און דינען דעם אייבערשטן מיט א פעסטקייט - יעצט הייסטו א 'נשמת חיים'.

## הילולא דצדיקיא

# הגה"ק רבי אברהם דוד מבוטשאטש זי"ע - יומדה"ק כ"ט תשרי

### קורת הדורות

כ"ט תשרי איז די יארצייט פון דעם הייליגן בוטשאטשער רב, **רבינו אברהם דוד בן רבי אשר אנשיל** זי"ע. עס איז מפורסם לכל זיין געוואלדיגן חיבור 'אשל אברהם', וואס איז געדרוקט אין כמעט אלע שולחן ערוך'ס, און ער ווערט פארערכנט ווי די גדולי פוסקי השולחן ערוך. ער איז געווארן אן איידעם ביי **רבי צבי הירש**, דער בוטשאטשער רב זי"ע, און ווען זיין שווער איז נסתלק געווארן, האט ער איבערגענומען דאס רבנות.

זיין שווער, רבי צבי הירש, איז געווען אַן אדם גדול בענקים און אַן איש קדוש מאוד. ער איז געווען דער רבי פונעם הייליגן **'באר מים חיים'** זי"ע. ווען דער בוטשאטשער רב איז געווארן אַן איידעם ביי זיין שווער, האט דער הייליגער באר מים חיים דעמאלטס געלערנט ביי זיין שווער רבי צבי הירש, און דעמאלטס איז דער בוטשאטשער רב געווארן זייער נאנט מיט'ן באר מים חיים און זיי פלעגן לערנען בחברותא.

דער הייליגער בוטשאטשער רב איז קודם געווען א תלמיד פונעם הייליגן סניגורן של ישראל, דער הייליגער **בארדיטשובער רב** זי"ע, און נאכדעם איז ער געפארן צום הייליגן **רבי משה לייב סאסובער**, זי"ע.

### אפלערנען א דרך עבודה פון צדיקים

בעזה"י, וועלן מיר פארציילן מעשיות פון וואס מ'קען זיך

אפלערנען א דרך עבודה. פארשטייט זיך אליין אז אנצוקומען צו די דרגות פון די הייליגע צדיקים איז נישט אונזער עבודה, מיר דארפן זיך נאָר 'אפלערנען' פון זיי ווי ווייט זיי האבן זיך מגיגע געווען און געהארעוועט, און דורך זייער יגיעה זענען זיי אנגעקומען צו די גרעסטע השגות אין עבודת השם. און ווען מיר וועלן הארעווען לויט אונזערע דרגות, וועלן מיר בס"ד אויך זוכה זיין צו געוואלדיגע השגות און תענוגים אין עבודת השם.

דער הייליגער בוטשאטשער רב האט געזאגט אז ווען ער איז געגאנגען זוכן א רבי, האט ער געזוכט דריי זאכן: **ענוה**, **יראה**, און **שמחה**. ער האט געזאגט: "**די אלע דריי זאכן האב איך געטראפן ביי מיין הייליגן רבי'ן רבי משה לייב סאסובער!**" - דאס איז א געוואלדיגע דרך עבודה!

כידוע וואס שטייט פונעם הייליגן **'מאור ושמש'** זי"ע אז אוודאי ווען מ'זעט אז צדיקים האבן רוח הקודש און מאכן מופתים, ברענגט עס אריין א געוואלדיגע אמונה און יראת שמים. אבער, **די תכלית פארוואס מ'פאָרט צו צדיקים איז כדי זיך אפצולערנען זייער יראת שמים און יראת חטא** - ווי אזוי זיי האבן מורא פון אן איסור דרבנן און וויאזוי זיי דינען דעם אייבערשטן ביראה ובאהבה.

דאס זענען מיר טאקע ביי דעם וואס דער בוטשאטשער רב האט געזוכט. ער איז נישט געגאנגען זוכן א צדיק וואס האט רוח הקודש אדער מאכט מופתים. הגם רבי משה לייב סאסובער איז כידוע געווען איינער פון די גרעסטע בעלי מופתים בדורו - ווי מיר וועלן באלד זען אז ער האט איבערגעלאזט פאר זיין תלמיד, דעם בוטשאטשער רב, א געוואלדיגע סגולה אלס ירושה - פונדעסטוועגן איז דאס נישט געווען וואס דער בוטשאטשער רב האט געזוכט. ער איז געגאנגען זוכן ביי א רבי'ן עבודת השם, ענווה, און יראה מיט שמחה.

## די געוואלדיגע עבודה און יגיעה

די עבודה פונעם הייליגן בוטשאטשער רב איז געווען למעלה מהשגת אנוש, אבער וואס מיר דארפן זיך אפלערנען איז די געוואלדיגע יגיעה וויאזוי ער האט געדינט דעם אייבערשטן.

**רבי מאָטיל סלאנימער** זי"ע ברענגט אין 'מאמר מרדכי' אז דער הייליגער בוטשאטשער רב'ס דרך עבודה איז געווען אזוי: א גאנצע נאכט איז ער געווען אויף און געזעסן לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה. גלייך נאכדעם וואס ס'איז געקומען עלות השחר, איז ער געגאנגען צו די הכנות לתפילה און מקוה, און דערנאך אנגעהויבן דאווענען. רבי מאטיל סלאנימער האט געזאגט אז ער האט געהאט מקובל אז **ביי דעם הייליגן בוטשאטשער רב האבן שחרית, מנחה, און מעריב געדויערט כמעט א גאנצן טאג.**

נאכדעם פלעגט זיך דער הייליגער בוטשאטשער רב צושפּאַרן - ביי צדיקים איז נישט שייך צו זאגן דעם אויסדרוק "שלאָפן"... - און ער האט געכאפט ממש א קליין דרימל. **בשעת ער האט געדרימלט, האט ער אנגעטון הענטשקעס כדי ער זאל חלילה נישט אנרירן די האר פון קאפ אדער אנדערע מקומות המכוסים אינמיטן שלאף, ווייל ער האט געוואלט זיין בקדושה ובטהרה אפילו בשעת'ן שלאפן.** ביי די הייליגע צדיקים פלעגט די נשמה אפילו בשעת'ן שלאפן רעדן אין לערנען און נישט מסיח דעת זיין פונעם אייבערשטן. דאס איז געווען פארנאכטס.

נאכדעם וואס ער האט זיך אויפגעוועקט פונעם דרימל - וואס דאס איז נאך געווען לאנג פאר חצות - האט דער הייליגער בוטשאטשער רב געזאגט אז מ'דארף מחדש זיין **ח"י הלכות**. וואס זענען געווען די ח"י הלכות? ער האט געהאט מקובל פון זיין רבי'ן, רבי משה לייב סאסובער, אז **ער זאל יעדן טאג לערנען ח"י פרקי משניות און מחדש זיין אכצן הלכות**. דאס האט ער געטון גלייך ווען ער איז אויפגעשטאנען נאך פאר חצות.

ווען ער פלעגט אויפשטיין, פלעגט אים דער גבאי ברענגען אווארימע קאווע מיט אביסל געבעקס כדי צו דערקוויקן דאס הארץ, אבער **ער האט גלייך אנגעהויבן לערנען און ניטאַמאָל געקוקט אויף די קאווע אדער דאס געבעקס**. נאך עטליכע שעה לערנען פלעגט ער זיך אַ זאג געבן: "אוי, די קאווע איז דאך שוין קאלט!" און ער האט טועם געווען אביסל פון די קאלטע קאווע מיט אביסל געבעקס, און ווייטער געלערנט ביז פארטאגס.

**דער בוטשאטשער רב האט געדינט דעם אייבערשטן מיט א יגיעה עצומה און כמעט נישט געשלאפן דורכאויס דעם גאנצן מעת-לעת!**

דער הייליגער רבי מאטיל סלאנימער האט צוגעענדיגט, אז פונדעסטוועגן איז ער געווען א בעל צורה נפלאה און האט אויסגעקוקט געזונט און שטארק, **מ'האט גארנישט דערקענט אויף אים אז ער שלאפט כמעט נישט און אז ער פאַסט רוב ימיו.**

## אהבת ישראל און מסירות נפש פאר א צווייטן איד

מיר וועלן פארציילן א מעשה וואס איז א געוואלדיגע מוסר השכל, וואו מ'זעט זיין אהבת ישראל און זיין מסירות נפש פאר א צווייטן איד.

כידוע זענען מעשיות פון צדיקים איינגעטיילט אין צוויי סארטן: עס זענען דא מעשיות וואס פארציילן זייערע מופתים און רוח הקודש, וואס דאס ברענגט אריין א געוואלדיגע **אמונה**. און פון די אנדערע זייט זענען דא מעשיות איבער זייער **יגיעה** אין **עבודת השם**. אין די דאזיגע מעשה וועלן מיר זען ביידע חלקים: סיי דעם מופת וואס ברענגט אריין אמונת צדיקים, און סיי די געוואלדיגע יגיעה און מסירות נפש וואס ער האט געהאט.

עס איז אמאל געווען א איד וואס האט געהאט א סכסוך מיט'ן פריץ. דער פריץ האט זיך מורא'דיג אויפגערעגט אויף אים און אים באפוילן זיך צו פּאַקן די פעק און פאַרלאזן דאס דאָרף. דאס האט געמיינט אז דער איד מיט זיין גאנצע משפחה גייען ממש אויסגיין פאר הונגער רח"ל. איז דער איד געפאָרן צום הייליגן בוטשאטשער רב. דער רב האט געהאט א שטיבל לעבן בית המדרש וואו ער פלעגט זיצן און לערנען א גאנצן טאג. דער איד האט אים פארציילט איבער דעם סכסוך און אז דער מצב איז זייער שווער, ווייל דער פריץ ווארפט אים ארויס און ער וועט נישט האבן פון וואו צו שפייזן זיין משפחה. האט דער הייליגער בוטשאטשער רב געזאגט: "קום, לאמיר אריינגיין אין שול".

ער איז געגאנגען און צוזאמגענומען א מנין תלמידי חכמים און זיי געזאגט: "איך דארף אז איר זאלט מיר מתיר נדר זיין". האבן זיי אים געפרעגט: "וואס דארף מען מתיר נדר זיין?" האט ער פארציילט אז ער האט א קבלה פון זיין רבי'ן, רבי משה לייב סאסובער, איבער א געוויסן 'שם' מיט וואס רבי משה לייב האט גע'הרג'עט א רשע. "**אבער**", זאגט ער, "**איך האב זיך נאך קיינמאל נישט באנוצט מיט דעם שם. אבער יעצט, אז עס איז געקומען אַן עת צרה פאר א איד און עס איז ממש פיקוח נפש, וויל איך אז מ'זאל מיר מתיר נדר זיין דאס צו ניצן**". זיי האבן אים מתיר נדר געווען, דער הייליגער בוטשאטשער רב האט מכוון געווען וואס ער האט מכוון געווען, און דער פריץ איז פלוצלינג געשטארבן! כן יאבדו כל אויביך ה'.

## דער מוסר השכל פונעם מעשה

דער מוסר השכל וואס מיר דארפן זיך ארויסצולערנען איז, אז די הייליגע צדיקים האבן געדינט דעם אייבערשטן און זוכה געווען צו גרויסע השגות, אבער מ'זאל נישט מיינען אז די גרויסע השגות זענען אנגעקומען גרינג. מ'זאל נישט מיינען אז די גרויסע השגות האט מען זיי אזוי באשאָנקן פון הימל סתם אזוי... **עס איז געקומען דורך א געוואלדיגע יגיעה בתורה, דורך א געוואלדיגע יגיעה בעבודה, און דורך א געוואלדיגע טהרת המידות - זיי האבן געהארעוועט אויף זייערע מידות.**

אזוי ווי מיר זעען אין די מעשה: ער האט געוואוסט פונעם 'שם', אבער ער האט זיך קיינמאל נישט באנוצט דערמיט. אבער ווען עס איז געקומען צו טון א טובה פאר א איד, איז ער געגאנגען מתיר נדר זיין, הגם עס איז געווען מורא'דיג שווער פאר'ן הייליגן בוטשאטשער רב. אבער **כדי צו טון א טובה פאר א איד, איז ער געגאנגען מיט א מסירות נפש ארויסצוהעלפן א צווייטן איד.**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך אפצולערנען פון די דרכי הצדיקים, אז מיר זאלן הארעווען אין די תורה בהתמדה, דאווענען מיט התלהבות, און טון חסד פאר א צווייטן איד. און בעז"ה זאלן מיר זוכה זיין צו גרויסע השגות און תענוגים בעבודת ה', און מיר וועלן זוכה זיין צו בני, חיי ומזוני רויחי.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

## = פרנסי חודש תשרי =

השיעורים על הטעלעפאון ליין

נתנדב ע"י

הרה"ח ר' **חיים מנחם ראזינגער** הי"ו

**לזכות ברכה והצלחה בכל הענינים**

הגליון באידיש נתנדב ע"י

הרה"ח ר' **חיים צבי הירש** הי"ו

לע"נ אמו האה"ח **חנצי** ע"ה

בת יבלחט"א ר' **מרדכי** הי"ו

נלב"ע א' תשרי - ראש השנה

ת.נ.צ.ב.ה.

הגליון בלשה"ק נתנדב ע"י

הרה"ח ר' **שמעון דרוממער** הי"ו

**לזכות ברכה והצלחה בכל הענינים**

זכות לימוד התורה דרבים תגן בעדם להתברך בכל מילי דמיטב, וישלם ה' פעלם הטוב ותהי משכורתם שלימה מעם ה'